**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף ווערטואלע שפאציר איבער איבערגעארבעטע גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד**

***פראיעקט האט באקומען 32 מיליאן דאלער דורך דעם גאווערנער'ס 230 מיליאן דאלאר אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע דעוועלאפמענט און אויפלעבונג פארמעסט***

***פליי-דורך ווידיאו אפערט ערשטע בליק איבער גרויסע פארשריטן פלאנירט אלס טייל פון אנגייענדע מאדערנאזירונג פראיעקט***

***ווידעאו פון געמאלענע דעזיין פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעדעקט א נייע פליי-דורך ווידיאו שפיל וואס אפערט פאר די וואס קוקן עס זייער ערשטע בליק אויף אן איבערגעארבעטע גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד. די צוויי-און-א-האלב מינוטיגע ווידיאו צייגט די גרויסע פארשריטן וואס מען פלאנט פאר די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד. [געמאלדן דורך די גאווערנער אין נאוועמבער](#), די פראיעקט האט באקומען 32 מיליאן דאלער פון דעם גאווערנער'ס 230 מיליאן דאלאר אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע דעוועלאפמענט און אויפלעבונג פארמעסט. די ווידיאו, וועלכע איז געשאפן געווארן דורך די לופטפעלד'ס ראט-געבער, קען מען זען [דא](#).

"אונזערע אפסטעיט לופטפעלדער זענען וויכטיגע דורכגענג פאר זייערע לאקאלע קאמיוניטיס, און מיר טוען אלעס וואס מיר קענען צו פארזיכערן אז זיי געבן א גרינגער און געשמאקע ברוך הבא פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע ווידיא שפיל ווייזט די דראמאטישע טראנספארמירונגען וואס קומען פאר ביי די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד. פאסאנדשירן וועלן יעצט האבן די מעגליכקייט צו זען די פארשריטן וואס וועט מאכן די לופטפעלד די פאסיגע ברוך הבא פאר אלע וואס פארן צו ניו יארק'ס דרום טיער פאר אלס וואס עס האט צו פארקויפן."

די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד איז געווען איינס פון ניין לופטפעלדער וועלכע האבן באקומען א סך הכל פון 230 מיליאן דאלער אין די לעצטע רונדע פון די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע דעוועלאפמענט און אויפלעבונג פארמעסט געלטער [אנאנסירט דורך גאווערנער האקול אין 2022](#). די געלטער זענען געמאכט צו שטארקן, אויפלעבן און פארשנעלערן אינוועסטירונג אין אפסטעיט קאמערשינעל פאסאנדשיר לופטפעלדער, העלפנדיג שאפן לופטפעלדער פאר די 21'סטע יאר הונדערט.

געבויט אין 1945, באהאנדלט די גרעיטער בינגהעמטאן לופפעלד איבער 38,000 אינפלעינמענטס יעדע יאר און ווערט גענוצט דורך אזעלכע קאמערשיעל לופט פירער אזוויי דעלטא עירליינס. די לופטפעלד איז א קריטישע רייזע צענטער פאר פראמינענטע לאקאלע ארבעטסגעבער, אבער די הויפט טערמינאל איז שוין נישט רענאווירט געווארן פאר מער פון צוואנציג יאר, און אירע אייגנשאפטן זענען אלטמאדיש.

געוואלדיגע בוי-ארבעט איז אויפ'ן וועג פאר סיי אינערליכע און דרויסנדיגע פארבעסערונגען, אריינגערעכנט:

- נאכאמאל אנטוויקלען די לופטפעלד שאסיי צוגאנג (Airport Road Approach)
- בוי-ארבעט פון א נייע קאנאפיע און אריינגאנג פארטעלס
- פונדאסניי אויסשטעלן די טשעק-אין לאבי און די פלאץ וואו די רענצלעך ווערן געשיקט פאר די ארויסגייענדע פליגער
- רענאוואציע פון די לאבי און לאַונדזש פאר ארויספארנדע פאסאנזשירן
- רענאוואציע פון די פלאץ וואו רענצלעך ווערן אפגענומען און אריבערפירן די קאר רענטעל דעסקס
- נייע פארקינג רעוועניו קאנטראל סיסטעמען
- אריינשטעלן דזשיאטערמאל (geothermal) קוועלער

די איבערבויאונג פון די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד האט א געשאצטע סך הכל קאסטן פון 53.9 מיליאן דאלער און בענעפיט פון 14.8 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער וואס איז געשאפן געווארן דורך די אנפעסטרוקטור אינוועסטמענט און פאסטנס אקט ( Infrastructure Investment and Jobs Act (IIJA)) לופטפעלד טערמינאל פראיעקט. די מאדערנעזירונג פראיעקט ווערט ערווארטעט צו שאפן איבער 600 פאסטנס און זיין געענדיגט אין די פרילינג פון 2025.

די אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט און איז אפן פאר אפּסטעיט קאמערציעלע פאסאנזשיר סערוויס לופטפעלדער און פאר לופטפעלדער וועלכע שטעלן צו ספעציאלזירטע סערוויס פאר קאמערציעלע פליגער. אפליקאנטן זענען געמוטיגט געווארן צו אפלייען פאר פינאנצירונג פאר אן איינצלנער פראיעקט אדער פאר א פראגראם פון עטליכע פראיעקטן צו העלפן נאכקומען די פארלאנג פון די 21'סטע יאר הונדערט. פראיעקטן וועלכע זענען אריינגעגעבן געווארן דורך בארעכטיגטע לופטפעלדער צו איבערגעקוקט ווערן זענען באטראכט געווארן לויט אוועקגעשטעלטע באדינגונגען, אריינגערעכנט – צווישן אנדערע – שעפערישקייט פון די דעזיין, פאסאנזשיר באקוועמליכקייטן און ערפארונג, ווירקזאמקייט פון אפעראציעס און עקאנאמישע עפעקטיוויקייט פאר די לופטפעלד'ס ראיאן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טערי‌ז דאמינגעז האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס ערשטמאליגע אינוועסטמענטס אין אפסטעיט לופטפעלדער שפיגלט אפ איר איבערגעגעבנקייט צו די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון קאמיוניטיס אין יעדע ראיאן אין ניו יארק סטעיט. די פארבעסערונגען וואס זענען אויפ'ן וועג ביי די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד וועלן שאפן א געשמאקערע איבערלעבעניש פאר רייזנדע צוצוקומען צו די לופטפעלד און הנאה האבן פון די שיינקייט פון די דרום טיער - עפעס וואס איז פשוט צו זען אין די נייע ווידיאו."

**סטעיט סענאטאר ליע וועב האט געזאגט,** "די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד איז א יסודות'דיגע הילפסמיטל פאר עקאנאמישע און קאמיוניטי אנטוויקלונג אין אונזער ראיאן. די בוי-ארבעט פראיעקטן בי די לופטפעלד וועלן פארבעסערן אונזער ראיאן'ס אינפעסטרוקטור, מאכנדיג רייזן געשמאקער, מער צוטריטפול און שטיצן סערוויסעס וועלכע שטיצן אונזער לאקאלע עקאנאמיע. איך וואלט געוואלט אויסדריקן מיין אמת'ע הכרת הטוב פאר גאווערנער האקול פאר די 32 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטמענט אלס טייל פון די אפסטעיט עקאנאמישע אנטוויקלונג און איבערבויאונג פארמעסט. די געפלאנטע פארשריטן פארזיכערן אז אונזער לופטפעלד איז אויסגעשטעלט נאכצוקומען די צוקומפטיגע געברויכן פון איינוואוינער, באזוכער, און ביזנעסער אין די ראיאן."

**אסעמבלימעמבער דאנע לופארדאו האט געזאגט,** "איך וואלט געוואלט באדאנקען גאווערנער האקול פאר'ן געבן די זעהבארע שפאציר איבער וואס ס'וועט קומען ביי די גרעיטער בינגהעמטאן לופטפעלד. בוי-ארבעט איז שוין געווען אויפ'ן וועג זינט נאוועמבער, פארוואנדלענדיג אונזער לופפעלד אין א מאדערנע דורכגאנג איסגעשטעלט צו צוברענגען נייע רייזנדע און פאסאנדשירן. מיר קוקן שטארק ארויס אויף איר פארענדיגונג די קומענדיגע יאר."

**בראם קאונטי עקזעקיוטיוו דשעיסאן גארנער האט געזאגט,** "די גרויסע פארשריטן ביי גרעיטער בינגהעמטאן לופפעלד שאפן א מאדערנע, ערשט-קלאסיגע דורכגאנג וואס וועט אויפנעמען באזוכער אריין אין בראם קאונטי פאר די קומענדיגע יארן. די נייע ווידיאו שפיל אפערט אן אויג-פארכאפנדע בליק איב די געוואלדיגע אנטוויקלונגען וואס זענען אויפ'ן וועג. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע און איבערגעגעבנקייט אין מאכן די טראנספארמאציעס מעגליך, פארזיכערנדיג אז בראם קאונטי בלייבאט א נויטיגע געווירבל פאר עקאנאמישע וואוקס."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באררייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט. לעבנס זענען געוואנדן דערויף — פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער פאר הייוועי ארבייטער. פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאלגט אונז נאך אויף X, אדער Instagram, אדער באזוכט די DOT וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן